# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

357

פרשת תולדות

תשפ"א

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### 'קול יעקב' - דוקא מיט כוונה

"הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו" (כז כב)

זאגט דער רבי ר' **יהונתן אייבשיץ**:

עשו הרשע'ס גאנצע כח איז געווען ווייל ער האט זייער אכטונג געגעבן אויף די מצוה פון כיבוד אב, אבער די תורה זאגט עדות אז ער האט עס געטון נאר אויסערליך, אזוי ווי עס שטייט (לעיל כה כח): "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו" - אבער נישט מיט הארץ. אויב מיר וועלן דאווענען מיט כוונה ווי עס דארף צו זיין, וועט אונזער זכות זיין שטערקער פון די זכות פון עשו וואס האט מכבד געווען זיין פאטער נאר מיטן מויל און נישט מיט הארץ, און מיר וועלן געראטעוועט ווערן פון זיינע איניקלעך וואס ווילן אונז פארלענדן. אבער אויב מיר וועלן דאווענען נאר אוסערליך, אן כוונה, וויאזוי וועלן מיר זיך קענען שטארקן אויף די זכות פון עשו, אונזער דאווענען איז דאך אויך נאר אויסערליך?!

דאס איז דער פסוק מרמז: אויב "הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב" -'קול' אן כוונה, דעמאלטס: "וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו", אבער ווען עס קומט צו צו דעם כוונה, דעמאלטס קען נישט עשו געוועלטיגן אויף די אידן.

'יערות דבש' ח"א דרוש ג

### 'ויתן לך' אין מוצאי שבת

"וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ וְרֹב דָּגָן וְתִירֹשׁ" (כז כח)

אין אסאך הייליגע קהילות פירט מען זיך זאגן יעדע מוצאי שבת א סעריע פון פסוקים פון ברכה וואס הייבט זיך אן מיטן פסוק "ויתן לך...". דער מנהג ווערט שוין דערמאנט אין זוהר הקדוש (הקדמת הזוהר יד ב). אין אונזערע מקורות ווערן געברענגט פארשידענע טעמים אויף דער מנהג:

א. אין **'שבולי הלקט'** ווערט געברענגט צו זאגן די פסוקים "אלץ א גוטער סימן ווייל עס איז אנהייב וואך".

ב. אין **'לבוש'** שטייט אז מ'זאגט די פסוקים כדי צו פארלענגערן דאס דאווענען אין מוצאי שבת, ווייל די גיהנום רוהט אין שבת און די רשעים גייען נישט צוריק נאר ווען די אידן ענדיגן דאווענען אין מוצאי שבת.

ג. **רבי יחיאל מאיר פון גאסטינין** האט ערקלערט אז בשעת די איבערגאנג פון שבת אויף די וואכן טעג פרובירט דער יצר הרע זיך מתגבר זיין און געוועלטיגן אויפן מענטש, און מיר דארפן צוקומען צו א עקסטערע ברכה זיך צו קענען שטארקן אויף אים, האט מען מתקן געווען זאגן די ברכות פון 'ויתן לך'.

ד. אין **'ליקוטי מהרי"ח'** שטייט א שיינע הסבר, געבויעט אויף די ווערטער פון די חכמים (שבת קיט ב): "שני מלאכי השרת מלוין לו לאדם בערב שבת מביתו לבית הכנסת, אחד טוב ואחד רע...", און עס שטייט אין 'מגן אברהם' (רסב א, זעה 'מחצית השקל' דארטן) אז די מלאכים בלייבן איבער ביז מוצאי שבת. דעריבער, אזוי ווי יעקב האט געזאגט פארן מלאך וואס האט זיך געשלאגן מיט אים (בראשית לב כז): "לא אשלחך כי אם ברכתני", אזוי אויך אונז, בעפאר דער שלעכטער מלאך גייט אוועק זאגן מיר פסוקים פון ברכה, כדי ער זאל אונז בענטשן.

'שבולי הלקט' שבת קכט; 'לבוש' או"ח רצה א; 'מרום הרי"ם' דף ח; 'ליקוטי מהרי"ח' תפלת ערבית מוצ"ש

### יעקב האט אנגעכאפט די מצוות וואס געווענליך אדם דש בעקביו

"וְיָדוֹ אֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו וַיִּקְרָא שְׁמוֹ יַעֲקֹב" (כה כו)

דער **'כלי יקר'** שרייבט:

"דאס איז געווען א סימן אז לעתיד וועט עשו פארשעמען די בכורה אזוי ווי א מענטש וואס טרערט אויף עפעס אזאך און טוט עס פארשעמען, און אין די 'עקב' וועט יעקב אנכאפן, ד.מ.: אין וואס עשו טוט גרינגשעצן - וועט יעקב זיך שטארקן. אזוי אויך די אלע מצוות קלות וואס די מענטשן טון אין זיי גרינגשעצן, וועט עס יעקב אנהאלטן און מקיים זיין".

מ'קען צושטעלן צו דעם די ווערטער פון **הרמ"ע מפאנו** וואס ערקלערט די פארבינדונג פון יעקב וואס זיין מידה איז 'אמת', צו ענטפערן אמן וואס איז אויך פון די מצוות וואס מענטשן זענען דש בעקביו: 'יעקוב' (ווען עס שטייט מלא) איז עס בגימטריה 'אמן ואמן' [אזוי ווי עס ווערט דערמאנט עטליכע מאל אין תהילים], און 'יעקב' (ווען עס שטייט חסר) איז עס בגימטריה צוויי מאל 'אמן'.

'עשרה מאמרות' חקור דין ב טו

### עשו איז אנגעקומען נאך די ברכות...

"וַיְהִי כַּאֲשֶׁר כִּלָּה יִצְחָק לְבָרֵךְ אֶת יַעֲקֹב וַיְהִי אַךְ יָצֹא יָצָא יַעֲקֹב מֵאֵת פְּנֵי יִצְחָק אָבִיו וְעֵשָׂו אָחִיו בָּא מִצֵּידוֹ" (כז ל)

אין די תקופה וואס דער **'מקור ברוך'** פון סערעט וויזשניץ האט געדינט אלץ רב אין די שטאט סערעט, האט ער זיך געפירט צו דאווענען שבת אינדערפריה יעדע וואך אין א אנדערע שול.

איין שבת, ווען ער איז אנגעקומען אין א געוויסע שול אין שטאט, האט מען שוין געהאלטן נאכן זאגן די ברכות השחר, צוליב דעם וואס מ'האט זיך געשטעלט דאווענען פריער פון געווענליך אן אים צו מעלדן. צו די איבערראשונג פון די מתפללים האט דער רבי באלד פארלאזט דעם בית המדרש און האט געוואלט גיין דאווענען אין א אנדערע שוהל. די גבאים וואס האבן זיך געפילט פארלוירן האבן אנגעהויבן זיך בעטן ביי אים ער זאל יא בלייבן דאווענען מיט זיי. אבער דער רבי איז געבליבן ביי זיינ'ס און האט פארלאזט די שוהל, ווען ער רופט זיך אן מיט א שמייכל: "איך בין נישט עשו...".

ווען ער האט באמערקט די וואונדער אויף זייערע פנימ'ער, האט ער געזאגט קורץ און שארף: "עשו איז אנגעקומען נאך די ברכות...'", און איז ווייטער געגאנגען.

אין א אנדערע געלעגנהייט איז דער 'מקור ברוך' אריין אין א צווייטע שול און האט געזען ווי אויף די וואנט הענגט א צעטל פון די זמנים, אויבן די זמן פון זאגן ברכות, און אונטער דעם דער זמן פון הודו. עס האט אויסגעזען אז דאס איז געמאכט געווארן מיט א ציל צו ערמעגליכן פאר יעדן צוקומען פאר הודו. עס איז אים נישט געפעלן, און אויך דאס מאל האט ער זיך אנגערופן אויף א ענליכן וועג: "אויף תפילה בציבור דארף מען קומען פריה בעפאר די צייט פון די ברכות השחר, אזוי האט מען זיך געפירט אין אלע פריערדיגע דורות, נאר עשו איז געקומען נאך די ברכות...".

'נועם הברכה' עמ' פד; קעז

### די טרערן פון עשו ווערן בטל ברוב

"וַיֹּאמֶר עֵשָׂו אֶל אָבִיו הַבְרָכָה אַחַת הִוא לְךָ אָבִי בָּרְכֵנִי גַם אָנִי אָבִי וַיִּשָּׂא עֵשָׂו קֹלוֹ וַיֵּבְךְּ" (כז לח)

"אמרו ישראל לפני הקדוש ברוך הוא: ריבונו של עולם, בזכות שלש דמעות שהוריד עשו מעיניו השלטתו מסוף העולם ועד סופו ונתת לו שלום בעולם הזה, אנו שדמעתנו תדירה ביום ובלילה כלחם, על אחת כמה וכמה שתימלא עלינו רחמים..." (ילק"ש תהילים תתכח).

פארוואס טאקע זאל נישט בטל ווערן די ביסל טרערן פון עשו, אין די סאך טרערן וואס די אידן האבן געלאזט אין לויף פון די אלע דורות?

ענטפערט **רבי צבי הירש דער מגיד פון וואודיסלאוו**, דער פאטער פון דער רבי ר' בונים פון פאשיסחא:

אזוי ווי די טרערן פון עשו זענען געווען אויף דעם וואס ער האט שאדן געהאט די ברכות - וואס זיי זענען עולם הזה'דיגע זאכן, אזוי אויך אונז, רוב פון אונזערע טרערן זענען אויף עניני עולם הזה, וועגן דעם קענען זיי נישט מבטל זיין די טרערן פון עשו, ווייל מיר האבן א כלל אין הל' תערובות: "מין במינו לא בטל" (חולין צח ב). אויב אונזערע טרערן וואלט געווען אויף כבוד שמים, וואלט עס גערעכנט געווען אויף א "מין בשאינו מינו" און די טרערן פון עשו וואלט בטל געווארן אין אונזערע טרערן.

אויף דעם בעטן מיר ביי די סליחות: "יהי רצון מלפניך שומע קול בכיות, שתשים דמעותינו בנאדך להיות", און דורך דעם וועט בטל ווערן די טרערן פון עשו "ותצילנו מכל גזירות קשות אכזריות". און זאלסט נישט זאגן אז זיי זענען 'מין במינו', ווייל דו ווייסט דאך אז אונזערע טרערן זענען "כי לך לבד עינינו תלויות" און די סארט טרערן קען יא מבטל זיין עשו'ס טרערן אלץ א 'מין בשאינו מינו'.

'ארץ צבי' דרוש עיר האלוקים



## וּבְשִׂפְתֵי צַדִּיקִים תִּתְבָּרַךְ

דעם קומענדיגן דאנערשטאג י' כסלו, וועט זיין די **הונדערט'סטע יארצייט** פון מרן **בעל 'שפתי צדיק' פון פילץ זי"ע**. אין די ספר פון זיין לעבנ'ס-געשיכטע וואס איז גרייט צום דרוק (אין קאפיטל 'והכינו את אשר יביאו') ווערט געברענגט א אויטענטישע עדות אויף זיין אויסערגעוועגליכע הקפדה אויף די מנהג פון ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר יעדן טאג:

**"די ברכות השחר האט דער בעל 'שפתי צדיק' מקפיד געווען צו זאגן שטייענדיג און אויפן קול, פאר איינעם וואס האט צוגעהערט און געענטפערט אמן אויף יעדע ברכה. אלע וואס האבן געדאוונט אין זיין מנין, האבן געדארפט זיך אוועק שטעלן פאר אים און זאגן הויעך די ברכות, ווען דער שפתי צדיק ענטפערט נאך "אמן" בדחילו ורחימו"**

ברכות השחר | אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## די ברכה 'מלביש ערומים'

### פון 'פוקח עורים' צו 'מלביש ערומים'

דערנאך וואס אדם און חוה האבן געגעסן פון די עץ הדעת שטייט (בראשית ג ז): "ותפקחנה עיני שניהם וידעו כי ערומים הם ויתפרו עלה תאנה ויעשו להם חגורות". דעריבער, נאך וואס מיר האבן געלויבט ביי די ברכה 'פוקח עורים' אויף די ראיה פון די אויגן וואס צוליב דעם פעלט זיך אויס צו גיין מיט מלבושים, טון מיר פארזעצן און זאגן די ברכה 'מלביש ערומים' לויבן אויף די קליידער וואס מיר האבן (פירושי סידור התפילה לרוקח עמ' יב).

אויפן פסוק (דברים יג ה): "אחרי ה' אלקיכם תלכו" דרש'ענען די חכמים (סוטה יד א): "הֲלֵך אחר מדותיו של הקדוש ברוך הוא - מה הוא מלביש ערומים, דכתיב (בראשית ג כא): 'ויעש ה' אלקים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם', אף אתה הלבש ערומים". די ווערטער פון די חכמים זענען געווען דער יסוד פון די תקנה פון די חכמים צו לויבן ה' יתברך יעדן אינדערפריה אויף דעם וואס ער איז 'מלביש ערומים' ('אבודרהם' סדר השכמת הבוקר וברכות השחר).

### אויף וואס מיר לויבן ביי די ברכה

אין די ברכה לויבן מיר הקדוש ברוך הוא אויף דעם וואס ער האט אין אונז אריינגעגעבן די פארשטאנד מיר זאלן קענען צוגרייטן קליידער (רבינו מנוח תפילה ז ד). אויך לויבן מיר אין די ברכה אויף דעם וואס מיר געניסן און האבן א נוצן פון אונזערע קליידער, און נישט אזוי ווי מיר טרעפן ביי דוד המלך וואס האט נישט הנאה געהאט פון זיינע קליידער אין סוף פון לעבן, אזוי ווי עס שטייט (מלכים-א א א): "והמלך דוד זקן בא בימים ויכסוהו בבגדים ולא יחם לו" (סידור 'אור החמה' עמ' יז).

דאס זענען די ווערטער פון 'עולת תמיד' (פרק ט) ערקלערנדיג די ברכה: "מלביש ערומים איז א לויב צו ה' יתברך אויף די קליידער וואס ער שטעלט צו פארן מענטש. און זאלסט בפרטיות פילן און טראכטן וויאזוי השי"ת האט דיר צוגעשטעלט אלע ערליי קליידער וואס דו דארפסט. אין די ווינטער טעג זאלסטו עקסטער לויבן ה' אויף די ווארעמע קליידער און די דיקע מאנטל וואס ה' יתברך האט דיר געשאנקען".

אויסער וואס די קליידער זענען געווידמעט אויף זיך צו ווארעמען און אויף צניעות, האט עס נאך א נוצן מיט דעם וואס עס ברענגט כבוד און שיינקייט פארן מענטש. אזוי ווי מיר טרעפן אז רבי יוחנן האט אנגערופן זיינע קליידער - 'מְכַבְּדוֹתַי' (חולין צד א), ווייל דער קלייד איז מכבד דער וואס איז אנגעטון מיט דעם. אזוי אויך, די חכמים האבן געהייסן אנטון שבת שענערע קליידער ווי אינמיטן וואך, ווייל דורך דעם איז מען מכבד דעם שבת (שבת קיג א). און דער 'עולת תמיד' שרייבט (שם) אז שבת און יום טוב זאל מען אינזין האבן צו דאנקען ביי די ברכה אויף דעם וואס הקב"ה האט אונז געגעבן די מעגליכקייט צו באשטימען מכובד'יגע קליידער לכבוד שבת און יום טוב.

נאך קענען מיר לויבן פאר הקב"ה ביי די ברכה אויף דעם וואס מיר האבן גענוג קליידער צו טוישן, און מיר דארפן זיך נישט פירן אזוי ווי די תלמידים פון ר' יהודה בר אילעאי, וואס אויף זיי דערציילט די גמרא (סנהדרין כ א) אז זיי האבן נישט געהאט די מעגליכקייט אז יעדער פון זיי זאל קויפן פאר זיך א אייגענע אויבער רעקל ארויס צו גיין אין רשות הרבים, האבן זעקס פון זיי געקויפט צוזאמען איין קלייד און זיך באנוצט מיט דעם לויט א רייע ('נפש שמשון', סידור התפילה עמ' קכא).

### די ברכה אויף א רוחניות'דיגע לבוש

אין נאמען פון אר"י הקדוש ווערט געברענגט נאך א כוונה וואס איז ראוי צו מכוון זיין אין די ברכה ('שער הכוונות' דרושי ברכות השחר): די זינד איז גורם אז די הייליגע לבוש ווערט אויסגעטון פון די נשמה פונעם זינדיגער, און אנשטאט דעם זיך קליידן מיט א טמא'נעם לבוש. אבער עס איז געוואנדן אין די הארבקייט פון די זינד, א הארבע זינד וועט צוברענגען אז די הייליגע לבוש זאל אינגאנצן אויסגעטון ווערן, דאקעגן ביי א גרינגע זינד וועט עס נישט אינגאנצן אוועק גיין נאר זיין כח וועט אפגעשוואכט ווערן.

אקעגן די בחינות זאגט מען די צוויי ברכות 'מלביש ערומים' און 'הנותן ליעף כח'; ווען דער מענטש געבט איבער בייננאכט זיין נשמה פארן באשעפער, דער וואס נעכטן איז זיין הייליגע לבוש אינגאנצן אויסגעטון געווארן, געבט מען אים אינדערפריה א בחי' פון א נייע לבוש, און אויף דעם זאגט מען 'מלביש ערומים', אבער דער וואס זיין לבוש איז נאר אפגעשוואכט געווארן, פאר אים פעלט אויס ער זאל צובאקומען פרישע כוחות אין זיין לבוש, און אקעגן דעם האט מען מתקן געווען צו זאגן: 'הנותן ליעף כח'.

אויך דער בעל 'סדר היום' (סדר ברכות השחר) ערקלערט אז אין די ברכה לויבן מיר אויף די רוחניות'דיגע לבוש, און אזוי שרייבט ער: "והלביש ערומים להלביש אותנו בגדי ישע, אמונת תורתו התמימה, כן יהי רצון שלא נמוש מאמונתנו כל ימינו, ויסיר מעלינו הבגדים הצואים - מחשבות רעות והרהורים קשים, ונלך לפניו במלבושים נאים ומתוקנים שלא ירחיקנו ה' מאת פניו".

### מלביש אדער המלביש

די אחרונים קריגן זיך ארום אין די נוסח פון די ברכה:

דער 'שדי חמד' (פאת השדה כללים מערכת הבי"ת סי' לז) שרייבט אז מ'דארף זאגן '**המלביש** ערומים' - מיט א ה"א אנהויב ווארט. און ער בויעט זיינע ווערטער אויף די תוס' (ברכות לח ב ד"ה והלכתא) וואס זאגט אין נאמען פון די ירושלמי, אז די סיבה פארוואס מ'האט מתקן געווען זאגן 'המוציא לחם...' און נישט 'מוציא לחם..', כדי דער מברך זאל נישט איינשלינגען די אות מ"ם וואס איז אין ענדע ווארט 'העולם' אין די אות מ"ם וואס איז אנהייב די קומענדיגע ווארט - 'מוציא', און עס ווערט געהערט ווי איין ווארט: 'הָעוֹלָמוֹצִיא'. אויך די ברכה זאל מען זאגן "המלביש ערומים", כדי עס זאל נישט איינגעשלינגען ווערן די אותיות איינס אין די אנדערע און עס וועט זיך הערן ווי ער זאגט: 'העולמלביש'.

אבער אין שו"ת 'שאילת יעקב' (ח"א סי' צה אות יג) שרייבט ער אז דער חשש פון איינשלינגען אותיות איז נאר פארהאן ביי די ברכה 'המוציא' וואס פון דעם רעדט די ירושלמי, ווייל ווען דער מענטש וויל שוין עסן, קען זיין אז ער וועט זיך צואיילן און וועט איינשלינגען די ברכה, אבער ביי די ברכות השחר דארף מען נישט חושש זיין אז ער וועט איינשלינגען די אותיות, דעריבער איז ריכטיג צו זאגן אזוי ווי עס איז שטייט געדרוקט אין די סידורים - "מלביש ערומים".

**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם מַלְבִּישׁ עֲרֻמִּים** - וואס דו האסט אונז צוגעגרייט אונזערע קליידער.
**אָמֵן - אמת** אז אויף אונז ליגט צו לויבן ה' אויף דעם וואס ער האט צוגעשטעלט אונזערע קליידער.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## מנחה אין פלארידא - בעפאר די שקיעה

פלארידא און באזונדער די שטאט מיאמי, זענען באקאנט צווישן די אמעריקאנער אידן אלץ גוטע וואקאציע ערטער אין די קאלטע ווינטער חדשים. די אייז קאלטע טעמפעראטור וואס הערשט אין די ווינטער טעג אין די געגענטער ווי רוב פרומע אידן וואוינען, ברענגט צו אז אסאך, ספעציעל די עלטערע מענטשן, וואנדערן צו מערב זייט, קיין פלארידא, עס איז נאר א וועג פון צוויי שעה צו פליעהן פון ניו יארק, דארט הערשט א ווארעמע און טרוקענע קלימאט, אזאנס וואס העלפט צו מ'זאל קענען אריבער גיין אגאנץ ווינטער געזונטערהייט. נישט אומזינסט האט פלארידא זוכה געווען צו די צונאמען 'סאן שיין סטעיט'.

די פאלגנדע ערציילונג וואס ענהאלט אין זיך א חשובער דערהער, איבער די ספעציעלע סייעתא דשמיא וואס איז זוכה דער וואס איז מקפיד אויף תפילה בזמנה, האט פאסירט פאר עטליכע יאר, און עס איז דערציילט געווארן דורך הרב דוד שלמה שעפער פון ירושלים, און אט איז די ערציילונג:

"מיין פאטער הרה"ח רבי שאול שעפער זצ"ל האט זייער מקפיד געווען אויף תפילה בזמנה. אין יעדע פלאץ וואו ער האט זיך געפינען האט ער מקפיד געווען צו דאווענען מיט א מנין און איר צייט. אזוי איז אויך געווען ווען ער האט זיך אויפגעהאלטן אין מיאמי וואס איז אין פלארידא, לכבוד די חתונה פון מיין שוועסטער וואס איז דארט פארגעקומען.

אין פלארידא, ווי געזאגט האלטן זיך דארט אויף אסאך פרומע, און אויפצומארגנ'ס פון די חתונה הארט נאנט צו די שקיעה, ווען מיין טאטע איז אריין אין די צענטראלע שול איז ער איבערראשט געווארן עס צו טרעפן ליידיג. ער האט מיך געשיקט זיך אינטערעסירן ביים ארטיגן רב ווען דאוונט מען דא מנחה, דער רב האט מיר געענטפערט אז יעצט איז נאך זייער פריה, און איך זאל פרובירן צוריק קומען ארום א האלבע שעה שפעטער, ערשט דעמאלטס הייבן זיך אן די ערשטע מנינים אויף מנחה.

ווען מיין טאטע האט געהערט די ענטפער איז ער געווען שאקירט; 'נאך די שקיעה?' האט ער זיך געוואונדערט, 'וויאזוי קען מען דאווענען מנחה נאך די שקיעה?!' - האט ער געשטוינט. אבער דער רב האט אים געענטפערט אז דאס איז דער 'מנהג המקום'; 'דא פירט מען זיך לויט די 'זמן רבינו תם' וואס איר זמן איז אסאך שפעטער פון די געוועגליכע שקיעה'. מיין פאטער האט געפרעגט צי אין געגנט זענען פארהאן אנדערע שולן וואו דארט איז מען יא מקפיד צו דאווענען מנחה בעפאר די שקיעה, אבער די ענטפער איז געווען: די מענטשן וואס וואוינען דא קומען צוריק פון ארבעט אין זייער א שפעטע שעה, דעריבער זענען זיי געוואוינט צו פארשפעטיגן די זמן פון מנחה ווי ווייט מעגליך, און אזוי איז געשאפן געווארן די פאקט אז אין די גאנצע געגנט איז נישטא קיין מנינים אויף מנחה וואס הייבן אן פאר די שקיעה.

אויף אזא טענה האט מיין טאטע נישט געהאט וואס צו ענטפערן; וואס זאל ער זאגן פארן געהערטן רב...?! קומט זיך אן א איד פון ארץ ישראל אויף א טאג-צוויי און שוין וויל ער טוישן מנהגים וואס זענען שוין איינגעווארצלט יארן אין זיין קהילה, נאך אלעס, איז עס נישט לאגיש.

פון דעסוועגן, מיין פאטער האט נישט געטראכט צו מוותר זיין אויף זיין מנהג. ער האט געפרעגט דעם רב צי עס וועט אים שטערן אויב ער וועט ארגאניזירן אין שול א פריערדיגע מנין אויף מנחה, און דער רב האט אים געענטפערט אז ער וועט זיך זייער פרייען אויב עס וועט אים געלונגען ארגאניזירן א מנין אין שול ווען ער וויל. "עס זעהט מיר נישט אויס אז איר וועט מצליח זיין... אבער אויב איר האט ניין מתפללים, וועל איך זיין דער צענטער".

די מינוטן האבן זיך גערוקט ווען אויסער דער רב פון שול, איך און מיין טאטע געפונט זיך קיינער נישט אין שול. א קורצע צייט בעפאר די שקיעה זאגט מיר מיין טאטע: "לאמיר אראפ גיין אויפן גאס, וואו מיר וועלן דארט שטיין און שרייען: "מנחה, מנחה!" אפשר וועלן מיר קענען צוזאמשטעלן א מנין".

"טאטי, דא איז נישט 'מאה שערים' און אויך נישט 'בית ישראל', דא איז א אפרוה פלאץ, רוב פון די דורכגייער אין גאס זענען גויים - עס איז שווער צו גלייבן אז איינער וועט זיך וויסנדיג מאכן פון דיינע געשרייען, מאקסימום וועלן זיי אונז באטראכטן ווי צוויי צודרייטע...", האב איך אים געזאגט.

אבער דער טאטע זצ"ל האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט; "מיר דארפן טון השתדלות - און נישט קוקן אויף די רעזולטאט!" - האט ער געזאגט ווען די פלאם פון זיין ריינע אמונה ברענט אין זיינע אויגן, "מיר וועלן טון פונקט וואס בתיה בת פרעה האט געטון; טראץ זי האט געזען אז די 'קעסטעלע' איז ווייט פון איר האנט, פון דעסוועגן האט זי אויסגעשטרעקט איר האנט, און הקב"ה האט געמאכט א נס און איר האנט איז אויסגעצויגן געווארן און דערגרייכט ביז צו די קאסטן, אזוי' אויך אונז, 'מיר וועלן אויסשטרעקן די האנט', און הקב"ה וועט טון זייניגע.

מיר זענען אראפ די טרעפ ווען די בליק פונעם רב באגלייט אונז. מיר זענען געווען געקליידעט אזוי ווי ארץ ישראל'דיגע אידן, און אזוי האבן מיר זיך אוועקגעשטעלט אין די ווינקל פון די גאס און אנגעהויבן שרייען: "מנחה מנחה!". עס איז געווארן מער און מער טונקל, מיר האבן שוין כמעט שלום געמאכט מיטן מצב אז דאס מאל איז דער רצון ה' מיר זאלן דאווענען נאך די שקיעה, אבער פונקט אין די לעצטע מינוט, ווען מיר האבן שוין געטראכט זיך אויסדרייען און צוריק גיין, האט זיך פלוצלינג אפגעשטעלט נעבן אונז א גרויסער 'טענדער'.

איינער פון זיי האט ארויסגעשטעקט זיין קאפ פון טענדער צו אונזער ריכטונג און געפרעגט אויף ענגליש געמישט מיט א אידישע דיאלעקט: "וואו קען מען יעצט דא דאווענען מנחה??"

"וויפיל מענטשן זענען ענק?" - האב איך אים געפרעגט, אן איך זאל פרובירן צו באהאלטן מיין התרגשות.

"זיבן מענטשן!" - האט ער געענטפערט.

"זיבן מענטשן" - האב איך איבערגעזאגט ווען עס דערקענט זיך די שאק אין מיין שטימע. זיבן מענטשן, צוזאמען מיט מיר און מיין טאטע זענען מיר ניין, דער רב האט צוגעזאגט זיין דער צענטער. "מיר האבן מנין!" - האב איך דערציילט מיין טאטן, און איך האב צוגעאיילט די זיבן 'מלאכים' וואס זענען פון הימל געשיקט געווארן צו אונז זיי זאלן שוין אריינקומען אין שול.

ווען מיר זענען אריין אין שול האבן מיר זיך געאיילט דערציילן פארן רב אז עס איז אונז געלונגען צו האבן מנין, און ער האט נישט געקענט באהאלטן זיין התפעלות: "מנחה אין פלארידא פאר די שקיעה - עס איז אומגלויבליך" - האט ער זיך אנגערופן, און ער האט מיטגעדאוונט מיט אונז אזוי ווי ער האט צוגעזאגט.

אינצווישן זענען אנגעקומען נאך פיר פון מיינע שוואגער'ס און האבן מיטגעדאוונט, אזוי זענען מיר געווען צוזאמען פערצן מענטשן וואס האבן געדאוונט פאר די שקיעה.

מיר האבן געדאוונט מיט גרויס שמחה אויף דעם וואס מיר האבן זוכה געווען אנהאלטן אונזער הנהגה אויך אין א פרעמד לאנד. נאכן דאווענען האבן מיר אויסגעפרעגט די מענטשן פון די 'טענדער' וויאזוי זענען זיי פלוצלינג דא אריין 'געפאלן'. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז זיי זענען געקומען קיין פלארידא צוליב א יארצייט פון זייער באבע וואס איז דארט באערדיגט. יעצט זענען זיי געווען אויפן וועג צוריק צו די דערנעבנדיגע לופטפעלד, און לכתחילה האבן זיי געטראכט דאווענען מנחה אין לופטפעלד, אבער ווייל זיי האבן אונז געטראפן האבן זיי באשלאסן מיט דאווענען מיט אונז.

אזוי האבן מיר זוכה געווען צו א אפענער ליכטיגקייט פון השגחה פרטית דווקא אין דער ענין פון תפילה בזמנה. מיר האבן קלאר געזען מיט אונזערע אויגן וויאזוי דער וואס איז מקפיד אויף תפילה בזמנה אין יעדן פרייז איז זוכה צו א ספעציעלע סייעתא דשמיא, און אין די זעלבע צייט האבן מיר זיך איבערגעצייגט צו זען די השגחה פרטית וויאזוי אביסל השתדלות פון א בעל בטחון קען צוברענגען צו א באזונדערע סייעתא דשמיא.

'השגחה פרטית' כי תבא תש"פ

עיצובים shay